**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/6/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול געבט ארויס א מעלדונג באשטימענדיג יוני אלס גאן געוואלדטאטן אויפוואכונגס חודש אין ניו יארק סטעיט

**לענדמארקס איבער די סטעיט צו באלאכטן ווערן אין ארענדש היינט נאכט, יוני 6, באעהרענדיג איבערלעבער און קרבנות**

***שיסערייען אעין געמיינדעס וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן פאבינדענע געוואלדטאטן עלימינירונג דעגרייכט [רעקארד נידריגע שטאפלן](#) דורכאויס די ערשטע פיר מאנאטן פון 2025***

***לייענט גאווערנער האקול'ס [מעלדונג](#)***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט ארויסגעגעבן א מעלדונג באשטימענדיג יוני אלס גאן געוואלדטאטן אויפוואכונגס חודש אין ניו יארק סטעיט. די מאנאט-לאנגע אפצייכענונג איז א געלעגענהייט צו העכערן אויפוואכונג, באעהרן די לעבנס פארלוירן צו גאן געוואלדטאטן, שטיצן איבערלעבער און זייער פאמיליעס, און אינטערשטרייכן די אנגייענדע ארבעט דורך לאקאלע און סטעיט געזעץ ענפארסירונג אגענטורן און געמיינדע באזירטע ארגענעזאציעס צו מאכן ניו יארק'ס געמיינדעס זיכערע און שטערקער. אין צוגאב, גאווערנער Hochul (האקול) האט אנגעוויזן פאר 16 לאנדמארקס איבער ניו יארק צו זיין באלאכטן אין ארענדש צו באעהרן איבערלעבער און קרבנות פון גאן געוואלדטאטן און אנצייכענען די אנהייב פון [טראג ארענדש וואך-ענדע](#), א נאציאנאלע באוועגונג צו העכערן אויפוואכונג און אינספירירן טריט צו מאכן אן ענדע צו גאן געוואלדטאטן.

"אויף טראג ארענדש טאג, איך באטייליג זיך מיט מיליאנער אמעריקאנער אין טראגן ארענדש צו דערמאנען איבערלעבער, פאמיליע מיטגלידער און יעדער איינער וועלכע גלייבט אין פרידן און פובליק זיכערהייט אלז ניו יארק שטייט אקעגן גאן געוואלדטאטן," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "זייט נעמען אפיס, בין איך געווען לעיזער פאקוסירט אויף מאכן ניו יארק א מער זיכערע פלאץ פאר אלעמען דורך אויספירן טייל פון די פאלק'ס שטערקסטע גאן זיכערהייט געזעצן - און זיי ארבעטן. ווען אונז געדענקן די קרבנות פון שכל'לאזיגע גאן געוואלדטאטן היינט, אונז טוהן ווידערבאשטעטיגן אונזער פארפליכטונג צו קאמאן סענס גאן זיכערהייט און די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער."

גאווערנער Hochul (האקול) האט לעצטנס [געמאלדן שיסעריי אינצידענטן מיט שעדונג איבער ניו יארק סטעיט איז אראפ מיט 9 פראצענט דורכאויס די ערשטע פיר מאנאטן פון די יאר](#) אין צוגלייך צו די זעלבע צייט אין 2024, דעגרייכענדיג א רעקארד נידריגקייט און פארזעצענדיג א דריי-יאר אראפצוועגס טרענד. זייט קומען צן איר שפיץ אין 2021, שיסעריי אינצידענטן מיט שעדיגונג אין געמיינדעס וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן פארבינדענע געוואלדטאטן עלימענירונג ( Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו האט זיך פארמינערט מיט 50 פראצענט און מארדן פארמינערט מיט 30 פראצענט, צייגענדיג די ווירקונג פון געצילטע, באווייז-באזירטע און דאטא-געטריבענע סטראטעגיעס

וועלכע קאמבינירן ענפארסירונג מיט פארמיידונג און געמיינדע אנטיילנעמונג. פאליציי דיפארטמענטס וועלכע נעמען אנטייל אין GIVE באריכטן בערך 90 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס מיט הייס-געווער און 85 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס באריכטעט אינדדרויסן פון ניו יארק סיטי.

די פאלגנדע לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן אין די קאליר ארענדש:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער (One World Trade Center)
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאַסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוּקעישען געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)
- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייַנגאנג טויער און עקספא צענטער ( State Fairgrounds – Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק ( "Franklin D. Roosevelt" Mid-Hudson Bridge)
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויעדאקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייַנגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש (Fairport Lift Bridge) איבער דעם ערי קאנאל (Erie Canal)
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services) קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדא) האט געזאגט,** "אזוי ווי אונז צייכענען אפ גאן געוואלדטאטן אויפוואכונג חודש, וויל איך דאנקען גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און אונזערע מיטארבעטער סיי אין געזעץ אינפארסירונג און די קאמיוניטי פאר זייערע אנגייענדע פארליכטונג צו מער פארזיכערטע געגענטער. אונזער סטעיט ברייטע צוזאמארבעט טוט טרייבן עכטע פארשריט - פארמינערענדיג גאן געוואלדטאטן און העלפן געמיינדעס זיך היילן. אונז מוטיגן ניו יארקער צו נעמען אנטייל אין טראג ארענד וואך-ענדע אלץ א מאכטפולע וויזונג פון מיטלייד מיט איבערלעבער און א געמיינזאמע רוף צו ענדיגען געוואלדטאטן."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט Steven G. James (סטיווען ג. דשעימס) האט געזאגט,** "אונז זענען שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט געזעץ ענפארסירונג אגענטורן וועלכע טיילן מיט די זעלבע ציל פון פארמיידן שכל'לאזיגער גאן-פארמישטע טראגעדיעס און פארבעסערן זיכערהייט אין אונזער לאקאלע געמיינדעס. אפשטעלן די פלוס פון אומלעגאלע גאנס און די מיסיע צו טרעפן און באגרעניצן זייער מקור פון סופליי פארבלייבט א הויפט פריאריטעט. איך אפפער מיין דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול פאר די הילפסמיטלען וואס ווערן געגעבן צו העלפן לייגן אן אכט אויף די פאבליק זיכערהייט מיסיע."

**אפיס פון וויקטים סערוויסעס (Office of Victim Services) דירעקטאר Bea Hanson (ביא האנסאן) האט געזאגט,** "אונז זענען שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער מיטגליד סטעיט און לאקאלע מיטארבעטער צו הייבן אויפוואכונג פון די נאכאלטיגע ווירקונגען פון גאן

געוואלדטאטן, ספּיציעל אין געמיינדעס וועלכע מאכן עס די מערסטע מיט. איך וויל באדאנקען די דעדיקירטע קרבן הילף פּראפעסיאנאלן איבער ניו יארק וועלכע טרעפן מענטשן אין זייער טינקעלסטע מאמענטן און העלפן זיי אנצוהייבן ערהוילן. זייער מיטלייד און איבערמידליכע ארבעט איז קריטיש צו די ערהוילונג פּראצעס."

ניו יארק סטעיט טוט ווייטער פירן די פאלק אין פאראויסריקן גרונטליכע, דאטא געטריבענע לעזונגען צו גאן געוואלדטאטן. דעס נעמט אריין פארשטערקערן די סטעיט'ס שווערע ריזיקע באשיצונג באפעל געזעץ (Extreme Risk Protection Order law ), פארבעסערענדיג די הינטערגרונט איבערקוק פּראצעס און פינאנצירען געמיינדע-באזירטע פּראגראמען ווי GIVE און SNUG גאס אוטריעטש, וועלכע פאקוסירט אויף געגענטער אומגלייכערהייט אפעקטירט דורך גאן געוואלדטאטן, און די סטעיט'ס נאציאנאלע אנערקענטע, איינס-פון-איר-סארט נעטווארק פון פארברעכן אנאליז צענטערן.

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע הינזיכטן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכענענדיג, אבער נישט באגרעניצט צו: טרענירן געזעץ איינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פּראפעסיאנאלן; האלטן אויפזיכט איבער א געזעץ איינפארסירונג קרעדיט פּראגראם; פארזיכערן אז Breathalyzer (אפּאראט וואס קוקט איבער דאס אטעם) און שנעלקייט איינפארסירונג געצייג געניצט דורך לאקאלע געזעץ איינפארסירונג ארבעטן ריכטיג; אנפירן קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; אנאליזירן פארברעכן און פּראגראם אינפארמאציע איבער די סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; האלטן אויפזיכט איבער קאונטי פּראובע דעפּארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פּראגראמען; און אויסארבעטן יוגנטליכע יוסטיץ פּאליסי. פאלגט נאך DCJS אויף Facebook, Instagram, LinkedIn און X.

די אפיס פון וויקטים סערוויסעס(OVS) גיבט געלט און שטיצט באלד 250 וויקטים הילפס פּראגראמען לענגאויס די סטעיט וואס שטעלט צו נויטיגע סערוויסעס, אזוויי קריזיס קאונסלינג, סופּארט גרופּעס, קעיס מענעדשמענט, עמערדזשענסי וואוינארט, ציווילע לעגאלע הילף, און אריבערציאונג געהילף, צווישן אנדערע הילף, צו קרבנות און איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן, סעקסיואלע אנפאל און אנדערע פארברעכן, און זייערע פאמיליעס. די אגענטור שטעלט אויך צו קריטישע פינאנציעלע באשיץ נעץ פאר אינדיווידואלן אן קיין אנדערע הילפסמיטלען צו באצאלן פאר אויסגאבן וואס האבן זיך געמאכט אלס רעזולטאט פון פארברעכן. פאלגט נאך OVS אויף פעיסבוק, אינסטאגראם, און X.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן